# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:13
מוצאי שב"ק......................5:45

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........דברי הימים א כ׳-כ"א
בבלי.........................סנהדרין ד׳
ירושלמי....................שקלים ו׳
תוספתא...................שביעית ג׳
רמב"ם.................פרה אדומה ד׳

פרשת וישב, כ׳ כסליו, שנת תשפ"ה לפ"ק — שנה 14, גליון 12 (680)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ, דִי וַוייבּ פוּן פּוֹטִיפַר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט יוֹסֵף בַּיי זַיין קְלֵייד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ק׳) טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק אַז דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְנַארְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין פַארְנוּמֶען, עֶר זָאל דַארְפְן שַׁאפְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן קְלֵיידֶער, אוּן מִיט דֶעם נֶעמְט עֶר אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען, דַאוְוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט פַארְנוּמֶען מִיט דִי קְלֵיידֶער. עֶס אִיז נִישְׁט נָאר אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט אֵיינְמָאל פַּאסִירְט מִיט יוֹסֵף הַצַּדִּיק, נָאר דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער ס"מ כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי קְלֵיידֶער, וֶוער עֶס אִיז אָבֶּער שְׁטַארְק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי זַאכְן, אֲפִילוּ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קְלֵיידֶער, וֶוערְט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ וַיָּנָס וַיֵּצֵא הַחוּצָה", יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי קְלֵיידֶער, עֶר הָאט נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִין דֶעם, זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז גֶעלִיגְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא אוֹיס אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן מְבַלְבֵּל זַיין פוּן גָארְנִישְׁט, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אֲפִילוּ עֶר זָאל פַארְלִירְן גֶעלְט זָאל עֶר נָאכְאַלְץ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן. אַוַודַאי אִיז דָא אוֹיף דֶעם אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ טִרְדוֹת, זָאגְט דֶער רֶבִּי "וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ" - אִיךְ לָאז אִיבֶּער מַיינֶע קְלֵיידֶער, אִיךְ לָאז אִיבֶּער מַיין פַּרְנָסָה, "וַיָּנָס" - אוּן אִיךְ לוֹיף אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט פִיל מָאל אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אַז דָאס גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דָאס בְּרֶענְגְט גָאר אַרָאפּ דָאס שֶׁפַע פַאר'ן מֶענְטְשׁ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אַז מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן הָאט מֶען אַ דָבָר שֶׁבִּמְנְיָן - גֶעלְט", פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס, וֶוער עֶס אִיז מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִיט מִנְיָן, מִנְחָה מִיט מִנְיָן, אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה, אִיךְ לָאז אָפּ אַלֶע מַיינֶע טִרְדוֹת אוּן אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען מַיינֶע הֵיילִיגֶע שִׁיעוּרִים; עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן, עֶס אִיז קוּים גֶעוֶוען שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען הָאט זִיךְ אָט פָּארְגֶענוּמֶען: 'דֶעם יָאר וֶועל אִיךְ גֶעהֶערִיג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י אוּן מְפָרְשִׁים', אוּן דִי יָאר גֵייט אַזוֹי שְׁנֶעל אַרִיבֶּער, מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּאלְד בַּיי פַּרְשַׁת מִקֵּץ, בַּאלְד עֶנְדִיגְט מֶען שׁוֹין 'סֵדֶר בְּרֵאשִׁית', אוּן דוּ וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט וֶועלְכֶע סֵדְרָה עֶס גֵייט דִי וָואךְ... אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק אוּן מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי גַאנְצֶע סֵדְרָה.

נָאכְדֶעם מַאכְט מֶען זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ מוֹרָא'דִיגֶע סְגוּלוֹת, מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט שֶׁפַע, מִשְׁנַיוֹת טוֹישְׁט אִינְגַאנְצְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל': "וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִשְׁנַיוֹת, וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת", יֶעדֶער אֵיינֶער לֶערְנְט וִויפִיל עֶר קֶען, אֵיין פֶּרֶק אַ טָאג, צְוֵויי פְּרָקִים אַ טָאג, דְרֵיי פְּרָקִים אַ טָאג, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה לֶערְנְט מֶען 'חַ"י פְּרָקִים' מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ מְסַדֵּר קֶען דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאוַוייזְן, מֶען לֶערְנְט זֶעקְס פְּרָקִים אִינְדֶערְפְרִי, זֶעקְס פְּרָקִים נָאכְמִיטָאג, אוּן זֶעקְס פְּרָקִים בַּיינַאכְט.

מִשְׁנַיוֹת אִיז דִי עֵצָה פַאר אֵיינֶעם וָואס זַיין מֹחַ אִיז מְבֻלְבָּל, זַיין מֹחַ אִיז נִישְׁט גֶעזֶעצְט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר ווִיל, דִי קָאפּ פָּארְט אִים אַרוּם, עֶר הַאלְט אִין אֵיין טְרַאכְטְן אַז פַאר יֶענֶעם גֵייט בֶּעסֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִין מֹחַ.

אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן קוּמֶען צוּרִיק וֵויינֶען, 'אִיךְ לֶערְן מִשְׁנַיוֹת אוּן עֶס הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט', קֶען זַיין דוּ דַארְפְסְט לֶערְנֶען מֶער פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי וִוי אֵיינֶער גֵייט צוּם דָאקְטֶער, דֶער דָאקְטֶער וֵוייסְט נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק דִי מֹחַ אִיז נִישְׁט מְסוּדָּר, פַארְשְׁרַייבְּט עֶר אַ רֶעצֶעפְּט אוּן הֵייסְט צוּרִיק קוּמֶען אִין צְוֵויי וָואכְן צוּ זֶען אֶפְשָׁר דַארְף מֶען אַ שְׁטֶערְקֶערֶע מֶעדֶעצִין, קֶען זַיין דוּ דַארְפְסְט לֶערְנֶען 'אַכְצְן פְּרָקִים' מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס טוֹישְׁט אִינְגַאנְצְן דֶעם מֶענְטְשׁ. עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין טָאג, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין וָואךְ, אָבֶּער אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם יָמִים וְשָׁנִים הֶעלְפְט עֶס.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיֵּשֶׁב תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### עֶס קוּמְט חֲנוּכָּה

מִיר טְרֶעטְן שׁוֹין אָט אָט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וֶוען מִיר צִינְדֶען אָן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט, לַייכְט דָאס אוֹיף אוּנְזֶער הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, מִיר דַארְפְן אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג אוֹיפְצוּלַייכְטְן אוּן אוֹיפְצוּשַׁיינֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז דָאס זָאל שׁוֹין אָנְהַאלְטְן אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער, אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מִיט וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אִין דִי טֶעג, אִיז מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט פוּן אוּנְז, מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מִיר הָאבְּן, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיי "עַל הַנִּסִּים" דִי וֶוערְטֶער "וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל", דִי טֶעג זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ לוֹיבְּן אוּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נב): "מִכָּל הַדְּבָרִים צוֹעֵק כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", פוּן דִי נַייעֶס שְׁרֵייט אַרוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, מֶען קֶען נֶעמֶען רְמָזִים פוּן דִי נַייעֶס.

יֶעצְט אִיז דִי אַמֶערִיקַאנֶע בַּאפֶעלְקֶערוּנְג זֵייעֶר פַארְטוּן אִין דִי נַייעֶס אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט הָאט גֶעפַארְדֶענְט (בַּאגְנַאדִיגְט) זַיין זוּן פוּן תְּפִיסָה; דָאס אִיז שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק וֶוען מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג, אִיךְ בִּין דֶער עֶרְגְסְטֶער פַארְבְּרֶעכֶער, אָבֶּער דוּ בִּיסְט דָאךְ מַיין טַאטֶע אוּן אַ טַאטֶע וֶועט זִיכֶער פַארְדֶענֶען זַיין זוּן, אִים גֶעבְּן נָאר גוּטְס, בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, הֶעלְף מִיר, פַארְדְן מִיךְ, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה, פוּן מַיינֶע תַּאֲווֹת, פוּן דִי קְלִיפּוֹת וָואס מַאכְן מִיךְ פַארְגֶעסְן פוּן דִיר".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אִיךְ בִּין מְקַנֵא ר׳ יוֹסְקֶע

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף אֵיינֶעם, אַ פָּשׁוּטֶ׳ער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין בְּרֶסְלֶב (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקכ): "אֲנִי מְקַנֵּא אֶת ר׳ יוֹסְקֶע", אִיךְ בִּין מְקַנֵא דֶעם ר׳ יוֹסְקֶע, "שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה", וָואס פְלֶעגְט זָאגְן אַסַאךְ; אִין בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ אִיד וָואס פְלֶעגְט זָאגְן אוּן זָאגְן תְּהִילִים אוּן תְּחִינוֹת אוּן מַעֲמָדוֹת, אוֹיף אִים הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אִים מְקַנֵא.

אִינְטֶערֶעסַאנְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רעח): "**הַצַּדִּיק שֶׁאֵינוֹ מְקַנֵּא שׁוּם צַדִּיק, לֹא בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלֹא בָּעוֹלָם הַבָּא**", אַז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִיז וֶוען מֶען אִיז קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא, "**רַק אוֹתוֹ לְבַדּוֹ יִתְבָּרַךְ**", נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן וִוי מִיר וֵוייסְן הָאט דֶער רֶבִּי דָאס גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה גֵייט מִיט רֶבִּי נָתָן, וִוי עֶר הָאט זִיךְ צוּפְלַאמְט אוּן גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז מָשִׁיחַ וְכוּ׳ וְכוּ׳; דֶער רֶבִּי אִיז קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא, נָאר דֶעם אִישׁ פָּשׁוּט פוּן בְּרֶסְלֶב וָואס קֶען אַסַאךְ זָאגְן... דָאס אִיז פִּלְאֵי פְלָאִים, וִוי גְרוֹיס תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אִיז, דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן דִי הֶעכְסְטֶע, בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז תְּמִימוּת דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אַז אִים אִיז מֶען גָאר יָא מְקַנֵא.

זָאג תְּהִילִים, הַלְוַאי זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִילִים אוּן מְסַיֵים זַיין תְּהִילִים יֶעדֶע וָואךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג): "**מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים**", וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, "כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וַוייל זָאגְן תְּהִילִים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה טוּן. "וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ", יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "**וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה**", אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין וִוילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, "**כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה**", וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַ הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִילִים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת - וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ׳, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

ל. מִי שֶׁעוֹלֶה עַל רוּחוֹ לְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עַל יְדֵי זֶה נוֹשֵׂא חֵן בְּעֵינֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וֶוען אֵיינֶער טְרַאכְט צוּ רֶעדְן אוּן זִיךְ צוּ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאכְט דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים לִיבּ הָאבְּן, עֶר זָאל הָאבְּן חֵן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לא. עַל יְדֵי בִּטָּחוֹן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּתוֹ. דִי בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוֹיסְהֶערְן דִי תְּפִלּוֹת.

לב. אַל תִּתְפַּלֵּל בְּבַיִת שֶׁבָּנָה בַּעַל מַחְלוֹקֶת. דַאוֶוען נִישְׁט אִין אַ הוֹיז וָואס אִיז גֶעבּוֹיעֶט גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַ בַּעַל מַחְלוֹקֶת.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

כָאטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אָבֶּער דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה מֶער מְסוּגָל פַאר דֶעם.

אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים וָואס מֶען הָאט, דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעווּאוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוֹיף דִי פִילֶע טוֹבוֹת אוּן חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט בְּלִינְד דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶען דִי גוּטֶע חֲסָדִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וֶוען מֶען זִיצְט אָבֶּער בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, דַארְף מֶען אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען אַז מֶען אִיז בָּרוּךְ ה׳ גֶעזוּנְט, אַז דִי מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט, אַז מֶען הָאט אוֹיגְן צוּ זֶען, אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן, צֵיינֶער צוּ עֶסְן, הֶענְט אָנְצוּכַאפְּן, אוּן פִיס צוּ גֵיין. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַז מֶען גֵייט מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט צִיצִית, מִיט אַ קַאפְּל, אַז מֶען הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְ׳ן טִיר, אַז מֶען לֵייגְט תְּפִלִּין, אַז מֶען הִיט שַׁבָּת, אַז מֶען עֶסְט כָּשֵׁר׳ס. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ דַאוֶוענֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי לִיסְטֶע עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט.

וֶוען מֶען טְרַאכְט אִין דֶעם אַרַיין, זֶעט מֶען אַז דִי פִילֶע גוּטְס וָואס מֶען הָאט, וֶועגְט גָאר שְׁטַארְק אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט. אוּן דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ "חֶרֶב פִּיפִיּוֹת", אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן צְוֵויי זַייטְן. פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ סַךְ מָאל אִיז דִי הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער אַז מֶען הוֹיבְּט אָן קוֹדֶם צוּ קוּקְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט שׁוֹין יָא, אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, דַאן זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין אַ סַךְ מָאל גֶעהָאלְפְן, אוּן דָאס עֶפֶענְט דִי הַארְץ צוּ בֶּעטְן אוֹיךְ דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער "קְדוּשַּׁת לֵוִי" זִי"ע אִיז מַסְבִּיר דָאס וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ז.) אַז אַ 'צַדִּיק גָמוּר' אִיז 'צַדִּיק וְטוֹב לוֹ', אוּן אַ 'צַדִּיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז 'צַדִּיק וְרַע לוֹ'. זָאגְט עֶר אַז אַ 'צַדִּיק גָמוּר' פוּן אִים הֶערְט מֶען אֵייבִּיג נָאר אַז אִיז אִים גוּט אוּן פֵיין, עֶר אִיז אַ 'צַדִּיק וְטוֹב לוֹ' עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר פַארְמָאגְט. אָבֶּער אַ 'צַדִּיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז אַ 'צַדִּיק וְרַע לוֹ', מֶען הֶערְט אֵייבִּיג פוּן אִים וִוי שְׁלֶעכְט עֶס גֵייט אִים דָאס לֶעבְּן, עֶר אִיז אַ 'צַדִּיק וְרַע לוֹ', עֶר זֶעט נָאר דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט.

דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז עֶס נָאר דָא טֶבַע, נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט נָאר אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט טֶבַע מִקְרֶה אוּן מַזָל, עֶס גֶעשֶׁעט זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרַיין אִין דִי קְלִיפָּה פוּן דִי יְוָנִים, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן אִיז עֶר אוֹיף גֶעהַאקְטֶע צָרוֹת; יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, מַאכְט אִים אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ וֶוענְדְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים הֶעלְפְן.

יֶעצְט אָבֶּער אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף אַ דֶרֶךְ הַטֶבַע, דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען גֶעוֶוען אַ סַךְ וֵוייניגֶער אוּן אַ סַךְ שְׁוַואכֶער פוּן דִי יְוָנִים, וַוייל זֵיי הָאבְּן אָבֶּער זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים. אוּן דָאס דַארְף אוּנְז אוֹיךְ לֶערְנֶען אַז עֶס נִישְׁט דָא קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע, אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וֶוען מֶען וֵוייסְט דָאס, עֶפֶענְט מֶען אוֹיף דִי מוֹיל אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוּן מֶען בֶּעט אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער.

וֶוען אַ אִיד גֶעווּאוֹינְט זִיךְ צוּ דָאס צוּ טוּהן, וֶועט עֶר הָאבְּן דִי גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט. עֶר וֶועט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ עִנְיָנֵי חֲנוּכָּה)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קפו)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דִי גְלוּסְט אוּן בֶּענְקֶענִישׁ פוּן רֶבִּי נָתָן צוּ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט אִיבֶּערְגֶעוואוֹיגְן זַיינֶע שְׁוֶועֶרֶע מְנִיעוֹת אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אִין וֶועג צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה.**

עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּפִיס, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן צוּ קֶענֶען נֶעמֶען אַ וָואגְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים, "הַבָּא לִיטָּהֵר מְסַיְּיעִים אוֹתוֹ" (שַׁבָּת ק"ד.), וֶוען אֵיינֶער ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימְל, וֶוען אֵיינֶער ווִיל עֶפֶּעס מִיט אַן אֱמֶת אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק, פַאלְן אַוֶועק אַלֶע מְנִיעוֹת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז אַ אִיד אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן מִיט אַ וָואגְן אוּן אִים מִיטְגֶענוּמֶען פַאר עֶטְלִיכֶע קִילָאמֶעטֶער, אוּן דֶער אִיד הָאט אִים נָאךְ גֶעגֶעבְן אַבִּיסְל גֶעלְט פַאר הוֹצָאוֹת הַדֶּרֶךְ אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעקֶענְט נֶעמֶען נָאךְ אַ וָואגְן, בִּיז עֶר אִיז עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**תרלג**

**דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט, דִי נַאכְט צוּ עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, דִי זִיבֶּעטֶע לִיכְטְל פוּן חֲנוּכָּה,** אִיז רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גְלַייךְ אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן וָואס אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעלִיגְן אִין בֶּעט.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג, אַז אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אוֹיף אִים פַאלְשֶׁע נַארִישֶׁע בִּלְבּוּלִים, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שֵׁם רָע אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז פוּן כַּת ...., אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיסֶע יִסּוּרִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר מֵיינְט אַז עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועֶרֶע יִסּוּרִים.

**תרלד**

**שַׁבָּת פַּרְשַׁת מִקֵּץ,** וָואס אִיז דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעפַאלְן דִי צְוֵוייטֶע שַׁבָּת אִין חֲנוּכָּה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט

<<<<<<

# שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

אֵיינְמָאל אִיז אַ אִינְגָל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אַ לַאנְגֶע צַייט אִיבֶּער דֶעם תַּכְלִית פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט אִים מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִינְצְווִישְׁן אִיז דָארְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי רֶבִּי נָתָן פַארְבְּרֶענְגְט אַזוֹי סַאךְ צַייט מִיט אַ קְלֵיינֶעם אִינְגְל, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִיבֶּער דֶעם, "פַארְוָואס פַארְבְּרֶענְגְט אִיר אַזוֹיפִיל צַייט צוּ רֶעדְן מִיט אַ קְלֵיין אִינְגְל?"

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אָט אִיז עֶר אַ אִינְגְל, אָט אִיז עֶר אַ בָּחוּר, אָט אִיז עֶר אַ אִינְגֶערְמַאן, אָט אִיז עֶר אַן אַלְטֶער אִיד, אוּן אָט טְרָאגְט מֶען אִים שׁוֹין... פַארְוָואס זָאגְסְטוּ אַז אִיךְ פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט אוּמְזִיסְט?"

(אִמְרֵי מוֹהֲרַנַ"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ל"ח)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֵּיי חֲנוּכָּה לִיכְט?



*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן אַלֶע יָארְן ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אִין דִי טֶעג אַרוּם חֲנוּכָּה אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען זִיצְט בֵּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אוּן יֶעדֶעס יָאר וֶוען עֶס קוּמְט חֲנוּכָּה הָאבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל דִי חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, וַוייל אַ גַאנְצְן טָאג וֶוען אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועריגְקֵייט אָדֶער אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אִינְמִיטְן טָאג אַ זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְט אִיךְ גְלַייךְ אַז בַּאלְד בֵּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט גֵיי אִיךְ עֶס שֵׁיין אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט אִינְמִיטְן טָאג הָאבּ אִיךְ דָאךְ נָאכְגִישְׁט דֶעם יֵצֶר הָרָע פוּן שְׁפֶּעטֶער, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט לְמַעֲשֶׂה, מֶען זִיצְט שׁוֹין בֵּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת, עֶס אִיז נָאךְ דָא אַפָּאר מִינוּט צוּצוּעֶנְדִיגְן דִי הַאלְבֶּע שָׁעָה, יֶעצְט אִיז דָאךְ דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל אוּן רֶעדְן אַבִּיסְל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּנְקְט דֶעמָאלְט וֶוערְט מַיין מוֹיל פַארְשְׁלָאסְן, מַיין מֹחַ פַארְהַאקְט, דִי גֶעפִילְן פַארְמַאכְט, אוּן אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קוּמְט אַרוֹיס אַ וָוארְט דָא אוּן אַ וָוארְט דָארְט, אָבֶּער גָאר וַוייט פוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן גֶעהֶערִיג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט קוּמְט חֲנוּכָּה הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דֶעם, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶס כְּסֵדֶר אַזוֹי, דִי הַארְץ אִיז אָנְגֶעלֵייגְט, אוּן אִיךְ ווֵייס אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר מִיר אִיז זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ טְרַאכְט אַז בַּאלְד גֵיי אִיךְ טְרֶעפְן אַ רוּאִיגֶע צַייט אוּן אַ רוּאִיגֶע פְּלַאץ אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מָארְגְן צוּפְרִי גֵיי אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט לְמַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי מִיט אַ גוּטֶער חָבֵר, עֶס קוּמְט קוֹים אַרוֹיס אַפָּאר אוֹיסְגֶעקְרַאצְטֶע וֶוערְטֶער, אוּן דִי הַארְץ בְּלַייבְּט וַוייטֶער אָנְגֶעלֵייגְט.

עֶס מַאכְט זִיךְ פוּן מָאל צוּ מָאל וָואס דִי הַארְץ אִיז מִיר אָפְן אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעוֶוענְלִיךְ פַּאסִירְט עֶס וֶוען דֶער גְלֶעזְל אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ אִיבֶּערְגֶעפִילְט, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ פְּלַאץ שׁוֹין, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶערֶעדְט אוּן דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס מִיט אַלֶע פְּרָטִים, שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ אַזוֹי גוּט, דִי בֶּעסְטֶע גֶעפִיל וָואס אִיךְ הָאבּ נָאר אִין לֶעבְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הֶענְט אוּן עֶר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט מִיר ווִי אַן אֵייגְן קִינְד, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער מַאכְן אַז דָאס זָאל פַּאסִירְן מֶער אָפְט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריגְקֵייטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דָאס אַלֵיין אַז מֶען ווִיל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זִיצְט בֵּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט אוּן מֶען ווִיל אַרוֹיסְזָאגְן וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דִי מוֹיל אִיז פַארְשְׁטָאפְּט - דָאס אַלֵיין אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה): **"וַאֲפִלּוּ אִם לִפְעָמִים נִסְתַּתְּמִין דְּבָרָיו וְאֵינוֹ יָכוֹל לִפְתֹּחַ פִּיו לְדַבֵּר לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל"**, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער וָואס אַרוֹיס צוּ רֶעדְן בֵּיי הִתְבּוֹדְדוּת, **"אַף עַל פִּי כֵן זֶה בְּעַצְמוֹ טוֹב מְאֹד, דְּהַיְנוּ הַהֲכָנָה שֶׁהוּא מוּכָן וְעוֹמֵד לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ וְחָפֵץ וּמִשְׁתּוֹקֵק לְדַבֵּר"**, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס אַלֵיין, אַז מֶען קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווִיל אוּן מֶען וַוארְט צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט, "אַךְ שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל", אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט, דִי מוֹיל אִיז פַארְמַאכְט - "זֶה בְּעַצְמוֹ גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד", דָאס אַלֵיין אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט.

דֶעריבֶּער זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גְלִיסְטְן, בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג צוּ קֶענֶען זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן בֵּיי דִי לִיכְט, אוּן וֶוען דוּ צִינְדְסְט דִי מְנוֹרָה זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְזָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאג: **"טַאטֶע אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, טַאטֶע זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, לֶעבְן מִיט דִיר?"** אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט וָואס מֶען זָאגְט אַרוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בּוֹקֵעַ רְקִיעִים, עֶס שְׁפַּאלְט הִימְלֶען, אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ שִׂמְחָה גְדוֹלָה וֶוען אַ אִיד זָאגְט נָאר דָאס וָוארְט: "טַאטֶע"; עֶס וֶוערְט אַ חֲתוּנָה, אַ זִיווּג, אַ יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע, וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן צוּ רֶעדְן מֶער אָפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעפִילְט מִיט וֵוייטָאג; דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז, פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת, רֶעדְן אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּאוֹפֶן קָבוּעַ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה):

<<<<<<

<<<<<< לעבנס געשיכטע פון רבי'ן

תּוֹרָה בֵּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל') מִיטְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"א, א') "וַיְהִי מִקֵּץ", אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט דֶעם מַאֲמָר "מֵישְׁרָא דְסַכִּינָא" (בְּכוֹרוֹת ח':), דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער נִישְׁט צוּגֶעעֶנְדִיגְט אַרַיינְצוּטַייטְשְׁן דִי תּוֹרָה אִין דֶעם פָּסוּק, וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה הָאט אַ שַׁייְכוּת מִיטְ'ן פָּסוּק מִיט וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן.

תרלה

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ נָאךְ הַבְדָּלָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוָואלְט צוּעֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה אוּן עֶס אַרַיינְטַייטְשְׁן אִין דֶעם פָּסוּק, וָואלְט עֶר גֶעדַארְפְט זָאגְן נָאךְ אַזַא לַאנְגֶע תּוֹרָה אַזוֹי לַאנְג וִוי וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ זֶע יֶעצְט אוֹיס וִוי אֵיינֶער וָואס מֶען הָאט אִים פַארְאוּרְטֵיילְט אִים צוּ שְׁלָאגְן אוֹיף אַלֶע פִיר זַייטְן פוּנֶעם שְׁטָאט", אוּן מֶען הָאט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן דֶערְמִיט.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כ"א), "יֶעצְט דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אַבִּיסְל אִין דִי תּוֹרָה, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז מֶען דַארְף צֶעשְׁנַיידְן דִי מַלְכוּת, וָואס וֶוערְט צֶעטֵיילְט אִין פִיר, פוּן דִי פִיר מַלְכֻיוֹת פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן דֶערִיבֶּער שְׁטֵייט "חָתְכוֹ לְאַרְבַּע", עֶר הָאט אִים צֶעשְׁנִיטְן אוֹיף פִיר חֲלָקִים. אוּן דָאס קֶען אֶפְשָׁר זַיין אַ שְׁטִיקְל רֶמֶז אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַז מֶען דַארְף לַיידְן יִסוּרִים פִיר מָאל, כְּדֵי אָפְּצוּשְׁנַיידְן דִי מַלְכוּת פוּן דִי פִיר מַלְכֻיוֹת פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא".

קוּק אַרַיין אִינֶעוֵוייניג אִין דִי תּוֹרָה צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

<<<<<< שו"ת ברסלב

"וְיִזָּהֵר מְאֹד לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ לְהַתְמִיד בָּזֶה מִדֵּי יוֹם בְּיוֹם שָׁעָה מְיֻחֶדֶת", אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אִיז בְּאוֹפָן קָבוּעַ, נִישְׁט קֵיין חִילוּק אוֹיבּ מֶען הָאט יֶעצְט אַ גֶעפִיל, אוּן אוֹיבּ מֶען גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אַ אִיד גֵייט אִין שׁוּל דַאוְוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת; אַזוֹי דַארְף מֶען טוּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת, יֶעדְן טָאג אַ גֶעוִויסֶע צַייט - וֶוען דוּ גֵייסְט אִין אַ ווִינְקְל, אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ הֶעלְפְן, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים. אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת מִיט אַ קְבִיעוּת - דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה, מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ.

אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין דִיבּוּרִים וָואס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶענְסְטוּ פוּן דֶעם אַלֵיין מַאכְן אַ גֶעשְׁרֵיי אוּן אַ גֶעוַואלְד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְגַם יוּכַל לַעֲשׂוֹת לוֹ שִׂיחָה וּתְפִלָּה מִזֶּה בְּעַצְמוֹ", מֶען קֶען פוּן דֶעם אַלֵיין מַאכְן אַ שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְעַל זֶה בְּעַצְמוֹ יִצְעַק וְיִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁנִּתְרַחֵק כָּל כָּךְ, עַד שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל אֲפִלּוּ לְדַבֵּר", אוּן מֶען קֶען אוֹיף דֶעם אַלֵיין שְׁרֵייעֶן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וִוי וַוייט אִיךְ בִּין פוּן דִיר, אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר, "וִיבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים שֶׁיַּחְמֹל עָלָיו וְיִפְתַּח פִּיו, שֶׁיּוּכַל לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו", אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן עֶפֶענֶען דִי מוֹיל, עֶר זָאל קֶענֶען רֶעדְן אוּן בֶּעטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט
הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תשפ"ד)

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# חיזוק יומי'ס וועגן טייערע שמחות, ווערט שטארק פארשפרייט

די "חיזוק יומי" פונעם ראש ישיבה שליט"א זענען ברייט באקאנט איבער די וועלט, דאס איז טעגליכע קורצע עצות און חיזוק וואס ווערט ארויסגעשיקט פון א לענגערע שיעור, און ווערט פארשפרייט איבער די וועלט צו צענדליגע טויזנטער אידן, און ווערט אויך איבערגעטייטשט אויף נאך עטליכע שפראכן.

אין די לעצטערע טעג איז גאר שטארק פארשפרייט געווארן עטליכע שטיקלעך איבער די נארישקייט פון אויסגעבן געלט אויף שמחות, בלויז צוליב קינדערישע גלוסט צו אביסל כבוד און אנערקענונג, בלויז ווייל "יעדער" טוט אזוי, ווייל "יענער" טוט אזוי, אן צו נוצן דעם שכל בכלל. דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט די חוזק ווי מענטשן וואס מוטשען זיך צו לייגן ברויט אויפ'ן טיש, מוזן אבער קויפן א זילבערנע מנורה פאר'ן חתן, "ווייזט מיר א בילד פון דעם הערליכע מנורה, ווייז מיר אויך די שטר פונעם חוב וואס דו האסט געבארגט עס צו קענען קויפן", מען דארף בלייבן זיצן ביז אין די פארטאגס שעה'ן צו אויסהערן דעם נארישן בדחן וואס האט זיך צוגעגרייט א שיינע מעשה פון א בן מלך אויף גראמען, "אויב דער גראמער דארף די פאר דאלער, אפשר זאל מען צאמשטעלן דאס געלט גלייך פאר אים, פארוואס דארף דער מחותן זיך אנבארגן וועגן דעם?", וואס האט מען א טאג נאך די שמחה פון די אלע איבריגע געלט וואס מען האט אריינגעווארפן אין מיסט פאר מעכטיגע מוזיק, הערליכע בלומען, ווייל אלע אייניקלעך דארפן זיין "מעטשינג", און אזוי ווייטער אלע נארישקייטן וואס מענטשן טוען ביי שמחות, און עס ווערט נאר ערגער פון טאג צו טאג.

די חידוש איז אז יעדער האט הנאה צו הערן ווי מען רייסט ארונטער ווי נאריש מענטשן ווערן ווען עס קומט צו שמחות, ווייל יעדער זעט מיט די אייגענע אויגן די נארישקייט פון דעם ווען דער חבר אדער קרוב טוט עס, ווען עס קומט אבער צו די אייגענע שמחה פארלירט מען אבער דעם אייגענעם שכל, און דעמאלט קומט די צייט פאר די ארומיגע חברים און קרובים צו לאכן פון אים אונטער זיין רוקן... די איינציגסטע כח וואס קען אפשטעלן די וואנזיניגקייט, איז נאר דער "כח הצדיק", דער רבי האט א כח אריינצוגעבן אביסל גלייכע שכל פאר'ן מענטש אין מח אריין, צו טון וואס איז ריכטיג.

דער ראש ישיבה שליט"א לייגט צו אז נישט דאס איז ברסלב, דער הייליגער רבי געבט אונז א לעבן מיט'ן אייבערשטן, א וועג ווי אזוי יעדער איד קען זיין נאנט צום אייבערשטן, ווי אזוי יעדער מענטש קען עפענען זיין מויל און זיך דורכשמועסן מיט'ן אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, אזוי ווי ער וואלט גערעדט צו א נאנטער חבר, אבער דאס איז א זייטיגע בענעפיט וואס מיר פארדינען אז מיר דארפן נישט ליידן פון הארץ ווייטאג ביי יעדע שמחה וואס מען מאכט, אז מען האט נישט פון וואו צו נעמען די איבריגע געלט.

אין א בריוו פארגאנגענע וואך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א צו איינעם וואס גרייט זיך צו מאכן א פדיון הבן, ווי פאלגענד: "איך האב ערהאלטן אייער בריוו. מזל טוב פאר ענקער אייניקל, דער אייבערשטער זאל ענק געבן געזונט און נחת ביי די קינדער און די אייניקלעך בזכות וואס ענק טוען אזויפיל פאר הפצה, ענק פארשפרייטן די עצות פון הייליגן רבי'ן; אזויפיל מענטשן זענען זיך מחי' מיט די קונטרסים וואס ענק זענען מתרגם מידי שבוע בשבוע.

אויף אייער פראגע ווי אזוי צו פראווען די סעודת פדיון הבן; מאכט א שיינע סעודה אין שטוב (אדער אין בית המדרש), רופט די עלטערן, די זיידעס און באבעס, און מאכט א פיינע סעודה. מאכט אייך נישט נאריש מיט אויסגעבן געלט פאר טייערע סעודות; ממה נפשך, אויב מען האט די פאר איבריגע דאלער - זאל מען דאס ענדערש געבן פאר די פארפאלק, זיי העלפן לעבן, און געבן פאר צדקה, און אז מען האט נישט די פאר איבריגע דאלער - איז דאך זיכער נישט ווערד צו בארגן זיך צו באווייזן פאר משפחה און שכנים וכו'."

ווייטער אינעם בריוו שמועסט אויס דער ראש ישיבה שליט"א די טעמים פארוואס מען טיילט קנאבל און צוקער ביי א פדיון הבן. מען קען זען דעם גאנצן בריוו אינעם קונטרס "עצתו אמונה".

די טעגליכע "חיזוק יומי" קען מען הערן אויף "קול ברסלב", דורכ'ן דרוקן 1,1,1. די נומערן פון "קול ברסלב", ווי אויך צו באקומען די "חיזוק יומי" אויף אנדערע אופנים, קען מען זען יעדע וואך אין די קעסטלעך ביים סוף פונעם גליון.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שלום שניטצלער** הי"ו קרית יואל
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה **יואל משה מייזעלס** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **שלום אלי'** נ"י למזל טוב

## חמין במוצאי שבת

אין די לאנגע מוצאי שבתים דערווארעמט אייך מיט גאר שיינע וועכנטליכע "חמין במוצאי שבת" איבער אלץ און אלעמען

קול ברסלב

212-444-9191

1, 4, 3

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

718-387-2691

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**